בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ברסלב

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיּוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאְרְ׳ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

**תשפ״ז**

428

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וָואס עֶנְטְפֶערְט מֶען וֶוען קִינְדֶער דֶערְצֵיילְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן?.................... א
זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק מִיט אַן אֵיידֶעלֶע שְׁפְּרַאךְ?.................... ג
וֶועלְן מִיר נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער?.................... ד
אִיז מַיין מַאן עֶרְלִיךְ?.................... ו


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


נָאכְנִישְׁט גֶעטַאנְצְן הַיינְט.................... א
בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף מַיין מַאן.................... ג
שׁוֹין גֶענוּג זִיךְ גֶעקְלַאפְּט, יֶעצְט זַיי פְרֵיילִיךְ.................... ד
זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען.................... ה
פָּטוּר גֶעוָוארְן פוּן דִי טְרֵיפָה'נֶע מִילִיטֶער, דוּרְךְ תְּפִלָּה.................... ז
דִי פַארְשְׁטִינְקֶענֶע גַאֲוָה לָאזְט נִישְׁט מַאכְן פַּרְנָסָה.................... ז
אַנְטְלוֹיף פוּן נִיבּוּל פֶּה.................... ח
פַארְלוֹירְן אַ נָאנְטֶע חַבֶר'טֶע וֶועגְן בְּרֶסְלֶב.................... ח
נָאךְ אַ זוּן וָואס טוּט אָן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין.................... ט
נִישְׁט מַסִיחַ דַעַת זַיין פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ.................... י
דִי קִינְדֶער זָאלְן טַאנְצְן אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעבְּן.................... יא
וִויל מֶער נִישְׁט רֶעדְן, וֶועגְן בְּרֶסְלֶב.................... יב

פַארְגֶעס דִי עֲבֵירוֹת, פְרֵיי זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת.........יג

אִיךְ הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנַיי.........יד

זִיךְ פָארְנֶעמֶען צוּ בֶּענְטְשְׁן אִינֶעוֵוייניג.........טו

הֵייבְּט צוּרִיק אָן הִיטְן שַׁבָּת.........טז

בַּאצָאל דַיינֶע חוֹבוֹת, אוּן לֶעבּ אַ נָארְמַאלֶע לֶעבְּן.........יז

מַאךְ זִיכֶער אַז דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג.........יח

אַ קוּנְץ אִיז אוֹיפְצוּהֵייבְּן אַ אִיד.........יט

קֵיינְמָאל זָאלְסְטוּ נִישְׁט בְּלָאזְן אָדֶער אִיגְנָארִירְן דַיין וַוייבּ.........כ

אוֹיסְבָּארְגְן שִׂמְחָה.........כא

טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג.........כב

פוּנְדָאסְנַיי לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.........כד

אִיךְ בִּין גֶעבּוּנְדְן אִין תְּפִיסָה בַּיי דִי טוּמְאָה.........כה

לָאז דִיךְ נִישְׁט נַארְן.........כו

וָואס הָאט מֶען פוּן אַ שִׁידוּךְ אָן שָׁלוֹם בַּיִת?.........כז

גֶעוֶוען קַאלְט אוּן טְרוּקְן, יֶעצְט קֶענֶען מִיר זִיךְ בַּאנַייעֶן.........כט

אִיךְ פְּרוּבִּיר אַזוֹיפִיל צוּ מַאכְן פַאר דִיר אַ שִׁידוּךְ.........ל

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וָואס עֶנְטְפֶערְט מֶען וֶוען קִינְדֶער דֶערְצֵיילְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּאר אַלֶע גִלְיוֹנוֹת, שְׁמוּעֶסְן, בְּרִיוְן, וָואס זֶענֶען אַזוֹי מְחַזֵק, מַאכְן פְרֵיילִיךְ אוּן פְרִישְׁן אוֹיף דִי נְשָׁמָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל גֶעבְן וַוייטֶער אַסַאךְ גֶעזוּנְטֶע לַאנְגֶע יָארְן פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אִין אֵיינֶע פוּן דִי גִלְיוֹנוֹת אַ שְׁטַארְקֶע גֶעדַאנְק וָואס הָאט מִיר גֶעגֶעבְן אַ נַייעֶם מְהַלֵךְ אִין מַיין אַרְבֶּעט אַלְס מְלַמֵד; דָאס אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַלֶע זַאכְן פוּן וָואס מֶען דַארְף רֶעדְן אִין קְלַאס, מִיט וָואס מֶען דַארְף מְחַזֵק זַיין דִי קִינְדֶער - אִין אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה.

לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ דֶערְצֵיילְט פַאר דִי קִינְדֶער אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי פִּנְחָס'ל קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְן אַמָאל אַלֵיין אוֹיף אַ פַארְוָוארְפֶענֶעם אִינְזֶל, אוּן אִינְצְווִישְׁן הָאבּ אִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט וִוי שְׁטַארְק עֶס הָאט אִים וֵויי גֶעטוּן אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דָארְט דַאוְוענֶען מִיט מִנְיָן. אֵיינֶער פוּן דִי קִינְדֶער אִין קְלַאס הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "מַיין טַאטֶע דַאוְונְט סְתַּם אַזוֹי נִישְׁט מִיט מִנְיָן, אָן קֵיין שׁוּם סְפֶּעצִיעֶלֶע סִיבָּה אוּן עֶר הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט קֵיין צַעַר פוּן דֶעם", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַזֶעלְכֶע סָארְט זַאכְן, אוּן אוֹיךְ נָאךְ קִינְדֶער הָאבְּן גֶעזָאגְט עֶפֶּעס עֶנְלִיכְס.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז, וִוי אַזוֹי דַארְף אִיךְ רֶעאַגִירְן אִין אַזַא פַאל?

נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל גֶעבְּן פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַסַאךְ שֶׁפַע בְּרָכָה וְהַצְלָחָה גֶעזוּנְטְהֵייט עַד בְּלִי דַי.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ט׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד פַאר קִינְדֶער אוּן דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין זֵיי אֱמוּנָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם. דֶערְצֵייל פַאר דִי קִינְדֶער אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים; דָאס וֶועט זֵיי אוֹיפְפְלַאקֶערְן זֵייעֶר הַארְץ. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן רמח): ״דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד״, עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ הֶערְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, ״כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים, נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד״, וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק וֶוערְט דָאס הַארְץ אוֹיפְגֶעפְלַאמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען זֶעט צוּ וָואס דִי צַדִיקִים הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אִין זֵייעֶר לֶעבְּן.

וֶוען קִינְדֶער הֵייבְּן אָן דֶערְצֵיילְן זַאכְן פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וְכוּ׳ - דַארְף מֶען מִיט חָכְמָה עֶנְטְפֶערְן פַאר דִי קִינְדֶער אַז עֶלְטֶערְן דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין אוּן מֶען דַארְף זֵיי דָן זַיין לְכַף זְכוּת, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט וַוייטֶער רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן זַיין נִזְהָר אִין הֲלָכוֹת; אוּן אַז דוּ רֶעדְסְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דִי הֲלָכָה אַז מֶען דַארְף דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן אוּן דִי קִינְדֶער זָאגְן: ׳מַיין טַאטֶע דַאוֶוענְט אִין שְׁטוּבּ׳ - זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט רֶעדְן צוּ זֵיי קֶעגְן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, נָאר מִיט חָכְמָה זֵיי זָאגְן: ׳דָאס אִיז דִי הֲלָכָה, אוּן עֶלְטֶערְן דַארְף מֶען וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין׳, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן נִישְׁט הָאבְּן קֵיין טֶעלֶעפָאן, אוּן פוּן נִישְׁט קוּקְן קֵיין קְלִיפְּס, ווִידִיאוֹס, מָאוִויס, סְטֶעטוּס וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן קִינְדֶער פְרֶעגְן דֶעם מְלַמֵּד: ׳אָבֶּער מַיין טַאטֶע קוּקְט יָא!׳ - דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער קֶעגְן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, נָאר מִיט חָכְמָה זֵיי זָאגְן: ׳אֶפְשָׁר הָאט דַיין טַאטֶע גֶעפְרֶעגְט אַ רַב?׳ וְכוּ׳, אוּן וַוייטֶער רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער וָואס אִיז רִיכְטִיג.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת, דָאס אִיז מוּסָר, דָאס אִיז יִרְאַת

שָׁמַיִם. מוֹהֲרָא״ש דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵּד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער צִי עֶר לֶערְנְט מוּסָר מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער מְלַמֵּד גֶעזָאגְט: ״יָא״, הָאט אִים דֶער צַאנְזֶער רָב גֶעפְרֶעגְט: ״וָואס פַאר אַ מוּסָר סְפָרִים לֶערְנְסְטוּ מִיט זֵיי?״ הָאט דֶער מְלַמֵּד גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״חוֹבוֹת הַלְבָבוֹת״, זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב: ״נִישְׁט דָאס מֵיין אִיךְ צוּ פְרֶעגְן, אִיךְ פְרֶעג צִי דוּ לֶערְנְסְט מוּסָר, צִי דוּ פַארְצֵיילְסְט זֵיי מַעֲשִׂיוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן פוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; וַוייל מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים פַּייעֶרְט אוֹיף דָאס הַארְץ צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק מִיט אַן אֵיידֶעלֶע שְׁפְּרַאךְ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זַיין הֵיילִיג אוּן עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווִיל הָאבְּן אַן אֵיידֶעלֶע שְׁפְּרַאךְ, רֶעדְן נָאר אֵיידֶעלֶע זַאכְן; וָואס קֶען אִיךְ אָבֶער טוּן אַז סַיי אִין מַיין מִשְׁפָּחָה אוּן סַיי דִי מֵיידְלֶעךְ אִין מַיין קְלַאס - רֶעדְן אַסַאךְ נִישְׁט אֵיידֶעלֶע זַאכְן?

אִיךְ פְּרוּבִיר זֵיי צוּ זָאגְן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט דִי סָארְט מֵיידל, אִיךְ ווִיל זַיין נָאר עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווִיל נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אוּן אִיךְ ווִיל נִישְׁט רֶעדְן זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, ווִי אַזוֹי הַאלְט מֶען זִיךְ שְׁטַארְק אוּן מֶען וֶוערְט נִישְׁט נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ דִי אַרוּמִיגֶע?

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן חִיזּוּק אוֹיף דֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט״ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

גֶעבְּט זִיךְ זַייעֶר אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ רֶעדְן זַאכְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט אֵיידְל, הַאלְטְס זִיךְ עֶרְלִיךְ, הַאלְטְס זִיךְ אֵיידְל; בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אֵיידְלְקֵייט, מֶען בַּאצָאלְט זֵייעֶר גוּטֶע שְׂכַר פַאר אַ מֵיידְל אוּן אַ פְרוֹי וָואס פִירְט זִיךְ אֵיידְל אוּן רֶעדְט אֵיידְל, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ קִינְדֶער צַדִיקִים; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה יג:): ״בִּשְׂכַר צְנִיעוּת שֶׁהָיְתָה בָּהּ בְּרָחֵל זָכְתָה וְיָצָא מִמֶּנָּה שָׁאוּל״, צוּלִיבּ דִי אֵיידְלְקֵייט וָואס רָחֵל הָאט גֶעהַאט הָאט זִי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ קֶענִיגְן צַדִיקִים וִוי שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ, ״וּבִשְׂכַר צְנִיעוּת שֶׁהָיָה בּוֹ בְּשָׁאוּל זָכָה וְיָצָאת מִמֶּנּוּ אֶסְתֵּר״, אוּן אִין דִי שְׂכַר וָואס שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ אִיז גֶעוֶוען אֵיידְל הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ אַזוֹי גְרוֹיס וִוי אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶועלְן מִיר נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר זֶענֶען שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר אַ שֵׁיינֶע פָּאר יָאר צוּם גוּטְן, אוּן מִיר הָאבְּן נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען דֶערְוַוייל צוּ קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ דִי זְכִיָ' צוּ לֶערְנֶען זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ יֶעדְן טָאג, אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע מָאל אִין מִירוֹן אוֹיף לַ"ג בָּעֹמֶר, מִיר הָאבְּן צוּגֶעזָאגְט צוּ גֶעבְּן אַ נָאמֶען שִׁמְעוֹן, אוּן עֶנְדְלִיךְ הָאבְּן מִיר שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן וַוארְטְן אַ שִׂמְחָה, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען פַארְלוֹירְן.

מִיר זֶענֶען זַייעֶר צֶעבְּרָאכְן, מַיין וַוייבּ וִויל שׁוֹין נִישְׁט קוּמֶען אוֹיף מִירוֹן פוּן צֶעבְּרָאכְנְקֵייט, זִי זָאגְט אַז אוֹיבּ אִיךְ וִויל קֶען אִיךְ אַלֵיין פָאהְרְן. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין בַּאשְׁטֶעלְט

טִיקֶעטְס צוּ פָארְן אוֹיף לַ"ג בְּעֹמֶר, אָבֶער אִיךְ קֶען נִישְׁט בַּאשְׁלִיסְן צִי אִיךְ זָאל פָארְן אָדֶער נִישְׁט.

אִיךְ וָואלְט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט צוּ הֶערְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט״ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט, מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן גָארְנִישְׁט, מִיר וֵוייסְן נָאר אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אוּן טוּט - אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן, אַלֶעס אִיז פַאר אוּנְזֶער טוֹבָה, פַאר אוּנְזֶער אֵייבִּיגֶע גוּטְס; מִיר דַארְפְן נָאר אֵיין זַאךְ: מִתְפַּלֵל זַיין אוּן הָאפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ וֵוייס אַז עֶס רַייסְט דָאס הַארְץ, עֶנְק זֶענֶען זֵייעֶר פַארְקְלֶעמְט, עֶנְק וַוארְטְן שׁוֹין אַזוֹיפִיל יָאר אוּן עֶנְדְלִיךְ הָאט מֶען גֶעמֵיינְט אַז מֶען וֶועט שׁוֹין הָאבְן וְכוּ׳ אוּן מֶען הָאט פַארְלוֹירְן וְכוּ׳; דָאךְ בֶּעט אִיךְ עֶנְק זֵייעֶר, גְלֵייבְּט בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דָאס אִיז פַאר עֶנְקֶער טוֹבָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּטְס, מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אַז דָאס אִיז דִי טוֹבָה, מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פָאר צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוּן גֵיי צוּ נָאךְ קִבְרֵי צַדִיקִים, אוּן גְלֵייבּ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז בַּיי דִי צַדִיקִים קֶען מֶען פוֹעֵל׳ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, אוּן אוֹיךְ וֶוען מֶען זֶעט נָאכְנִישְׁט גְלַייךְ דִי יְשׁוּעָה - אִיז דָאס אוֹיךְ אַ חֵלֶק פוּן דִי יְשׁוּעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִיז מַיין מַאן עֶרְלִיךְ?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס הֵייבְּט מִיר ווידֶער אָן אַרַיינְקוּמֶען אִין קָאפּ דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אַז אֶפְשָׁר אִיז מַיין מַאן נִישְׁט עֶרְלִיךְ, אֶפְשָׁר קוּקְט מַיין מַאן אוֹיף אַנְדֶערֶע, אֶפְשָׁר טְרַאכְט עֶר אוּן דַארְף אַנְדֶערֶע, חַס וְשָׁלוֹם.

דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת נֶעמֶען מַמָּשׁ אִיבֶּער מַיין מֹחַ אוּן מַיין לֶעבְּן, וָואס קֶען אִיךְ טוּן צוּ דֶעם?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, שַׁבָּת פָּרָה, י״ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין גֶעזוּנְטֶע מַחֲשָׁבוֹת צוּ טְרַאכְטְן אַז דֶער מַאן קוּקְט אוֹיף אַנְדֶערֶע אוּן דַארְף אַנְדֶערֶע; עֶס אִיז עֲצַת הַיֵּצֶר הָרָע וָואס וִויל אַוֶועק נֶעמֶען דִי שִׂמְחָה אוּן פַארְשְׁוַוארְצְן דָאס לֶעבְּן. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, עֶס אִיז דָא פְּרוּוּעֶן וָואס הָאבְּן דִי מַחֲשָׁבוֹת אוּן דָאס אִיז מַמָּשׁ ווִי אַ קְרֶענְק, עֶס מַאכְט חָרוּב אַלֶעס. אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, קוּקְט נִישְׁט נָאךְ אַייעֶר מַאן, עֶס אִיז נִישְׁט פוּן דִי פְלִיכְטְן וָואס אַ וַוייבּ הָאט, קוּקְט נִישְׁט זַיין טֶעלֶעפָאן; קוּקְט גוּט, זוּכְט גוּט.

אַלֶע נִישְׁט גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת קוּמֶען פוּן עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן דִי גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת קוּמֶען פוּן שִׂמְחָה, ווַייל דָארְט וואוּ עֶס אִיז דָא שִׂמְחָה - דָארְט אִיז דָא קְדוּשָּׁה; ׳בְּשִׂמְחָה׳ אִיז דִי אוֹתִיּוֹת ׳מַחֲשָׁבָה׳ (תִּיקּוּנֵי זוֹהַר תִּיקּוּן כב, סז.), אַז מֶען אִיז פְרֵייליךְ רוּט דִי שְׁכִינָה בַּיים מֶענְטְשׁ.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר זָאלְט אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה אוּן אִיר זָאלְט שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵייליךְ, וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס.

זָאגְט דִי תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג:

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵייליךְ, אִיךְ זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד אוּן נִישְׁט קֵיין גוֹי. הֶעלְף מִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן מַיין דֶערְבִּיטֶערְטְקֵייט, נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר מַיין עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין אַזוֹי פְרֵייליךְ אַז אִיךְ זָאל פְרֵייליךְ מַאכְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער אַרוּם מִיר זָאל זַיין פְרֵייליךְ.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קוּקְן גוּט אוֹיף מַיין מַאן, אִיךְ זָאל נִישְׁט חוֹשֵׁד זַיין מַיין מַאן אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אִיךְ זָאל נָאר זֶען דָאס גוּטְס בַּיי אִים, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ פִירְסְט דִי וֶועלְט מִיט אַ הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית. אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר קֵיין אֵיין רֶגַע. אִיךְ זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט חַנְפְ'עֶנֶען אוּן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם, בִּזְכוּת אַלֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועְן פַאר דִיר, אָמֵן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## נָאכְנִישְׁט גֶעטַאנְצְן הַיינְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ב׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד יוֹאֵל מְנַחֵם גֵּרְשׁוֹן**

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן אַרוֹיסְגֶעבְּן דִי הֶערְלִיכֶע סְפָרִים פוּן ׳עֲצָתוֹ אֱמוּנָה׳ אוּן ׳אִישׁ אֱמוּנוֹת׳, אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיט דִי סְפָרִים, אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן נֶעמֶען זֵייעֶר וֶועג אִין לֶעבְּן פוּן דִי סְפָרִים; דוּ דַארְפְסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אַז דָאס אִיז דַיין חֵלֶק, דַיין לֶעבְּן גֵייט דִיר אַרִיבֶּער מִיט אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז מֶען גְרֵייט זִיךְ אַרוֹיס צוּ גֶעבְּן דִי קִינְדֶער גִּלְיוֹן ׳מַעֲשֶׂה׳לֶעךְ פַאר קִינְדֶערְלֶעךְ׳; שׁוֹין לַאנְג וָואס אִיךְ וַוארְט צוּ זֶען אִין דִי שׁוּלְן אַ קִינְדֶער גִּלְיוֹן וואוּ עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט פַאר קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים אוֹיף לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, אַ גִּלְיוֹן וָואס לֶערְנְט פַאר קִינְדֶער מִידוֹת טוֹבוֹת אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם מִיט דִי הַקְדָמוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן לה): ״שֶׁהוֹלֵךְ אֶפִּיקוֹרְסוּת גָּדוֹל עַל הָעוֹלָם״, פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט אַרָאפְקוּמֶען אַ מַבּוּל פוּן כְּפִירוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת; אוֹיךְ אִיז דָא אַ מַבּוּל פוּן נִאוּף, מִיר הָאבְּן הַיינְט דֶעם דוֹר הַמַבּוּל אוּן דֶעם דוֹר הַפְלָגָה אִינְאֵיינֶעם; אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בְּנֵי הַנְעוּרִים - אִינְגְלֶעךְ, בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, פַאלְן אַרָאפּ נֶעבֶּעךְ אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, מֶען קֶען אַזוֹי גְרִינְג אָנְקוּמֶען צוּ זֶען אוּן טוּן דָאס עֶרְגְסְטֶע, דַארְף מֶען פַארְשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה, מֶען דַארְף גִיסְן אֱמוּנָה אִין דִי גַאסְן אַז מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען בַּאשִׁיצְן.

דִי וָואךְ וִויל אִיךְ מַאכְן אַ מַעֲשֶׂה'לֶעךְ פַּאר קִינְדֶערְלֶעךְ, דִי מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער, וִוי עֶר הָאט אַמָאל גֶעטַאנְצְן מִיט דִי נַאכְט קְלֵיידֶער וְכוּ'.

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער זָאל מָאלְן אַ בִּילְד וואוּ מֶען זֶעט אַ בֶּעט, נֶעגְל וַואסֶער, אוֹיפְן בֶּעט אַ לִיקוּטֵי תְּפִלּוֹת, אוּן וִוי צְוֵויי קִינְדֶער קוּקְן אַרַיין פוּן אַ פֶּענְסְטֶער אוּן מֶען זֶעט וִוי אַ מֶענְטְשׁ טַאנְצְט מִיט נַאכְט קְלֵיידֶער.

"קוּק עֶר טַאנְצְט מִיט אַ נַאכְט הֶעמְד אוּן אַ שְׁלָאף קַאפְּל... עֶס אִיז אַזוֹי פָּאנִי... וֶוער אִיז דָאס?"

קִינְדֶער לַאכְט נִישְׁט, עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין שֵׁיינֶע מִדָּה צוּ לַאכְן פוּן אַ צְוֵויטְן אִיד, קִינְדֶער אִיךְ וֶועל עֶנְק דֶערְצֵיילְן וֶוער דֶער אִיד אִיז, דֶער אִיד אִיז אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, לָאמִיר זֶען פַארְוָואס עֶר טַאנְצְט מִיט זַיינֶע נַאכְט קְלֵיידֶער...

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג בַּאדִינְט רֶבִּי נָתָן זֵייעֶר גֶעטְרֵיי מִיט זַיין גַאנְצֶע כֹּחַ אוּן הַארֶץ.

עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן רֶבִּי נָתָן עֶר זָאל אִים גֶעבְּן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ עֶר וִויל זַיין אַ צַדִּיק דַארְף עֶר יֶעדְן טָאג גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרֵיינְד, אַלֶעס זָאל עֶר דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיךְ הָאט רֶבִּי נָתָן אִים גֶעזָאגְט, אַז אוֹיבּ מֶען וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד מוּז מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ טַאנְצְן, וַוייל דִי שְׁלִיסְל אַרַיין צוּ גֵיין צוּ דִי קְדוּשָּׁה אִיז שִׂמְחָה; וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ וֶוערְט מֶען זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע אוּן מַאכְט אַלְץ דֶעם מֶענְטְשׁ זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג אוֹיף גָארְנִישְׁט אוּן נִישְׁט, "אִיךְ זָאג דִיר נַחְמָן, יֶעדְן טָאג גֵיי אַ טֶענְצְל".

רֶבִּי נַחְמָן הָאט גֶעפָאלְגְט, עֶר הָאט אַלֶע טָאג גֶעטַאנְצְן; אַמָאל אִין שׁוּל, אַמָאל בַּיי אַ שִׂמְחָה, אוּן אַמָאל אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן אוֹיךְ אַמָאל

אַלֵיין, אוּן וֶוען עֶר פְלֶעגְט זִיךְ דֶערְמַאנֶען בַּיינַאכְט וֶוען יֶעדֶער אִיז שׁוֹין גֶעשְׁלָאפְן - פְלֶעגְט עֶר אַלֵיין טַאנְצְן, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז עֶר מוּז דָאס טוּן.

אֵיינְמָאל הָאט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער שׁוֹין אָנְגֶעגְרֵייט נֶעגְל וַואסֶער אוּן גֶעלֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע אוּן זִיךְ אָנְגֶעטוּן דִי נַאכְט קְלֵיידֶער, עֶר לִיגְט אִין בֶּעט אוּן עֶר שְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִינְמִיטְן גֶעבְּט עֶר זִיךְ אַ כַאפּ: 'אֵיין מִינוּט... אֵיין מִינוּט... אִיךְ הָאבּ דָאךְ הַיינְט נָאכְנִישְׁט גֶעטַאנְצְן, וָואס טוּט מֶען דָא? מַיין רֶבִּי, רֶבִּי נָתָן - הָאט מִיר דָאךְ גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג צוּ טַאנְצְן יֶעדְן טָאג...' עֶר גֶעבְּט אַ שְׁפְּרִינְג אַרוֹיס פוּן בֶּעט אוּן הֵייבְּט אָן טַאנְצְן מִיט זַיין נַאכְט הֶעמְד אוּן שְׁלָאף קַאפְּל, עֶר טַאנְצְט: "טַאטֶע אִיךְ לוֹיבּ דִיךְ, טַאטֶע אִיךְ דַאנְק דִיךְ - וַוייל אִיךְ בִּין אַ אִיד".

אַלֶע קִינְדֶער הֵייבְּן אָן טַאנְצְן: "טַאטֶע אִיךְ לוֹיבּ דִיךְ, טַאטֶע אִיךְ דַאנְק דִיךְ - וַוייל אִיךְ בִּין אַ אִיד, טַאטֶע אִיךְ לוֹיבּ דִיךְ, טַאטֶע אִיךְ דַאנְק דִיךְ - וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, אַשְׁרֵינוּ - מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ, וּמַה נָּעִים - גּוֹרָלֵנוּ, וּמַה יָּפָה יְרוּשָּׁתֵנוּ..."

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף מַיין מַאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ז' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

מָרַת ...

שְׁרֵייט נִישְׁט אוֹיף אַייעֶר מַאן, עֶר וֶועט זַייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען אִיר שְׁרֵייט אוֹיף אִים, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ דַארְף הִילְף, לֶעצְטְנְס בִּין אִיךְ אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, אִיךְ שְׁרֵיי אוֹיף מַיין מַאן; אִיךְ וִויל נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִים, אִיךְ פַארְלִיר זִיךְ, עֶס גֶעשֶׁעט פְּלוּצְלוּנְג, אוּן נָאכְדֶעם שְׁרֵייט מַיין מַאן צוּרִיק אוֹיף מִיר, אוּן נָאכְדֶעם וֵויין אִיךְ, נָאכְדֶעם בֶּעטְן מִיר זִיךְ אִיבֶּער, אוּן נָאכְדֶעם עוֹידְךָ, אִיךְ שְׁרֵיי אוּן עֶר שְׁרֵייט צוּרִיק אוּן אִיךְ וֵויין וְכוּ'.

אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבּ מִיר כֹּחַ אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען קָאנְטְרָאלִירְן, אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ, און אוֹיךְ וֶוען זַאכְן גֵייעֶן אַנְדֶערְשׁ וִוי אִיךְ ווִיל – אִיז גָארְנִישְׁט.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק רֶעדְן נָאר שֵׁיין און וֵוייךְ, אִיךְ ווִיל אַ שְׁטוּבּ וואוּ דִי שְׁכִינָה רוּט, אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט זַיין צְווִישְׁן אוּנְז, אָמֵן".

בֶּעטְס דִי תְּפִלָּה אַפָּאר מָאל אַ טָאג, מִיט תְּפִלָּה וֶועט אַלֶעס וֶוערְן גוּט.

...

## שׁוֹין גֶענוּג זִיךְ גֶעקְלַאפְּט, יֶעצְט זַיי פְרֵיילִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, ז' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר

הֶער זִיךְ אוֹיף צוּ קְלַאפְּן, וָואס גֵייט פָּאר מִיט דִיר? הָאסְט זִיךְ שׁוֹין גֶענוּג גֶעקְלַאפְּט, יֶעצְט הֵייבּ אָן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, פְרֵיי זִיךְ מִיט דֶעם וָואס דוּ בִּיסְט אַ אִיד, פְרֵיי זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת, מִיט דַיין צִיצִית, מִיט דַיין תְּפִילִין, פְרֵיי זִיךְ מִיט דַיין בָּארְד און פֵּיאוֹת, מִיט דַיין מְזוּזָה, מִיט דַיין כָּשֶׁר'עֶ קָאךְ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֲגִיגָה כז:): "אֲפִילוּ פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן", אֲפִילוּ פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל זֶענֶען אָנְגֶעפִילְט מִיט מִצְוֹת אַזוֹי וִוי אַ מִילְגְרוֹים; אִיז דָאךְ כָּל שֶׁכֵּן דוּ וָואס דוּ בִּיסְט אַ שׁוֹמֵר תּוֹרָה וּמִצְוֹת בִּיסְטוּ דָאךְ אָנְגֶעפִילְט מִיט גוּטְס.

לָאז אָפּ דִי וֶועג פוּן זַיין פַארְנוּמֶען טָאג און נַאכְט מִיט זִיךְ צֶעבְּרֶעכְן, דֶער רֶבִּי ווִיל דָאס נִישְׁט פוּן אוּנְז, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ווִיל מִיר זָאלְן זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, און נָאר אֵיינְמָאל אַ טָאג זָאלְן מִיר הָאבְּן אַ לֵב נִשְׁבָּר, זִיךְ צֶעבְּרֶעכְן דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן און תְּשׁוּבָה טוּן און בֶּעטְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער אַ גַאנְצְן טָאג - רַק שִׂמְחָה, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקצג): "וְכָל עִקַּר הִתְרַחֲקוּת כָּל אָדָם מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הִיא רַק מֵחֲמַת עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה", דֶער עִיקַר זַאךְ וָואס נֶעמְט אַוֶועק מֶענְטְשְׁן פוּן

אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאס עַצְבוּת, דָאס זַיין דֶערְבִּיטֶערְט און דֶעפְּרֶעסְט; און דֶערִיבֶּער הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי צוּ אוּנְז זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ, און אַז מֶען מוּז זִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן, און אוֹיךְ זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן, אַבִּי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

עַל כֵּן לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חַבֵר, וַוארְף אַוֶועק דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה, זוּךְ אוֹיף דִי גוּטֶע נְקוּדוֹת אִין דִיר, פְרֵיי זִיךְ אַז אַ גוֹי בִּיסְטוּ נִישְׁט, פְרֵיי זִיךְ מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ טוּסְט, מִיט דֶעם וָואס דוּ לֵיינְסְט קְרִיאַת שְׁמַע, מִיט דִי פְּרוּטוֹת וָואס דוּ גֶעבְּסְט פַאר צְדָקָה, און אַזוֹי וַוייטֶער.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן דַיין וַוייבּ, דֶערְצֵייל אִיר וָואס דוּ לֶערְנְסְט, דֶערְצֵייל אִיר אַגָּדוֹת חֲזַ"ל, יֶעדֶע מָאל דוּ זֶעסְט אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה אִין גְמָרָא אָדֶער מֶדְרָשׁ - זָאלְסְטוּ זִיךְ דָאס פַארְצֵייכֶענֶען, און וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים און זִי וִויל הֶערְן פוּן דַיין טָאג - זָאלְסְטוּ אִיר דֶערְצֵיילְן דִי שֵׁיינֶע אַגָּדוֹת חֲזַ"ל; דָאס וֶועט מַאכְן אַ שְׁטַארְקֶע קֶשֶׁר צְוִוישְׁן עֶנְק, און אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען דוּ הֶערְסְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים שֵׁיינֶע הִתְחַזְקוּת, און וֶוען דוּ זֶעסְט אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים און אִין סִפְרֵי מוֹהֲרָא"ש שֵׁיינֶע זַאכְן - זָאלְסְטוּ דָאס מִיטְטֵיילְן מִיט אִיר.

גֵיי הֲפָצָה און גֵיי נָאךְ גֶעלְט, דָאס גֵיין הֲפָצָה און גֵיין נָאךְ גֶעלְט אִיז מְתַקֵּן אֲפִילוּ חֲטָאִים וָואס מֶען אִיז מַעֲנִישׁ מִיט ד' מִיתוֹת בֵּית דִּין, אַלֶעס וֶוערְט פַארְרָאכְטְן דוּרְךְ הֲפָצָה און דוּרְךְ גֵיין נָאךְ גֶעלְט.

...

## זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען און דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ט' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע לִיבֶּע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן בְּנֵי בְרַק, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז מִיר הָאבְּן צוּרִיק אוּנְזֶערֶע ד' אַמּוֹת, אוּנְזֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ - וואו מִיר וֶועלְן זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אִינְאֵיינֶעם מִיט אַחְדוּת און מִיט לִיבְּשַׁאפְט; דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה וָואס אִיז גֶעוֶוען בִּיז אַהֶער זָאל עֶנְק נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין, דָאס זָאל עֶנְק מְחַזֵּק זַיין און עֶנְק אוֹיפְפְרִישְׁן.

אִיךְ ווִיל עֶנְק בֶּעטְן, אַלֶע אָן אוֹיסְנַאם - אַלֶע חֲבֵרִים זָאלְן אִינְאֵיינֶעם זִיךְ אַיינְטֵיילְן צוּ גֵיין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי שֵׁיינֶע גִלְיוֹנוֹת אִין אַלֶע שׁוּלְן אִין בְּנֵי בְּרַק, אַלֶע זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ עֶנְק בֶּעטְן, אַזוֹי ווִי מִיר זֶענֶען צוּרִיק אִין אוּנְזֶערֶע ד׳ אַמּוֹת - זָאל מֶען זִיךְ פָארְנֶעמֶען נִישְׁט צוּ שְׁמוּעֶסְן בַּיים דַאוֶוענֶען; אוֹיבּ אֵיינֶער ווִיל רֶעדְן - זָאל עֶר מוֹחֵל זַיין אַרוֹיסְגֵיין אִינְדְרוֹיסְן פוּן שׁוּל, אָבֶער אִין שׁוּל זָאל מֶען נִישְׁט רֶעדְן.

אוֹיךְ זָאל מֶען זִיךְ מְחַזֵּק זַיין נִישְׁט צוּ רֶעדְן אוֹיף אַנְדֶערֶע אִידְן, נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע קְהִלּוֹת אוּן אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע כִּיתּוֹת אִין בְּרֶסְלֶב; מִיר דַארְפְן נָאר עוֹסֵק זַיין אִין פָאלְגְן דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ אוּן מִיט גֵיין יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת אוּן מִיט זַיין פְרֵיילִיךְ.

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ מֶען זָאל זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, פָאלְגְן דִי גַבָּאִים, אוּן הַלְוַאי זָאל בַּיי עֶנְקֶער חֲבוּרָה מְקוּיָּם וֶוערְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצב): "הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ", דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ ווּאוּנְדֶערְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע לִיבְּשַׁאפְט וָואס וֶועט זַיין צְווִישְׁן אַייךְ; מוֹהֲרְנַ"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן, לֵיידֶער לֵיידֶער אִיז דֶער שִׂיחָה נָאכְנִישְׁט מְקוּיָּם גֶעוָוארְן; הַלְוַאי זָאל דָאס מְקוּיָּם וֶוערְן בַּיי אַייךְ, עֶנְק זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אַזוֹי וֶועט דֶער רֶבִּי זַיין בַּיי עֶנְק, אוּן מוֹהֲרַנַ"תּ מִיט מוֹהֲרָא"שׁ, מִיט אַלֶע צַדִּיקִים; וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט בַּיים אַוֶועק גֵיין פוּן שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב קַיין אוּמַאן (שָׁם, סִימָן קפז): "תִּרְאוּ לְהִתְקַבֵּץ יַחַד, וּלְהִתְפַּלֵּל יַחַד", אִיר זָאלְט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען, "כִּי אִם תִּתְפַּלְּלוּ בְּכַוָּנָה, אוּלַי תּוּכְלוּ לְהַמְשִׁיךְ אוֹתִי לְכָאן עוֹד הַפַּעַם", וַוייל אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען, וֶועט אִיר מִיךְ קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ אַייךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶנְק זָאלְן הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### פָּטוּר גֶעוָוארְן פוּן דִי טְרֵיפָה׳נֶע מִילִיטֶער, דוּרְךְ תְּפִלָּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ט׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ פְּטוּר פוּן דִי טְרֵיפָה׳נֶע מִילִיטֶער, דָאס אִיז אַ נֵס; דֶערְצֵייל יֶעדְן אֵיינֶעם אַז תְּפִלָּה הֶעלְפְט, אוּן אַז נָאר תְּפִלָּה אִיז דִי עֵצָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דִי פַארְשְׁטִינְקֶענֶע גַּאֲוָה לָאזְט נִישְׁט מַאכְן פַּרְנָסָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ט׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

רֶעד צוּ דִי אִינְגֶעלַייט וָואס זִיצְן אָן קֵיין פַּרְנָסָה אַז זֵיי זָאלְן אַוֶועק וַוארְפְן דִי חָכְמוֹת, זֵיי זָאלְן נֶעמֶען אַ פַּרְנָסָה. מוֹהֲרַא״ש זָאגְט, עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (דְּבָרִים טו, יח): ״וּבֵרַכְתִּיךָ בְּכָל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה״, מֶען דַארְף עֶפֶּעס טוּן פַאר פַּרְנָסָה; וָואס, וֶוען אוּן וִוי - אִיז נִישְׁט מְשַׁנֶּה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: דוּ טוּ, גֵיי אַרוֹיס פוּן בֶּעט, גֵיי אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב - אוּן עֶס וֶועט שׁוֹין קוּמֶען דִי בְּרָכָה.

דִי פַארְשְׁטִינְקֶענֶע גַּאֲוָה לָאזְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ לֶעבְּן, דֶער מֶענְטְשׁ בְּלָאזְט פוּן זִיךְ, אוּן דָאס לָאזְט אִים נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין - נִישְׁט בְּגַשְׁמִיוּת אוּן נִישְׁט בְּרוּחָנִיּוּת, מֶען בַּטְלְ׳ט אָפּ דִי טֶעג אוּן יָארְן. אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זֵיי מְחַזֵּק דַיינֶע חֲבֵרִים וָואס טוּעֶן גָארְנִישְׁט מִיטְן טָאג, זֵיי וַוארְטְן צוּ וֶוערְן מִילְיָאנֶערְן אִיבֶּער נַאכְט - אַז זֵיי זָאלְן אָנְהֵייבְּן עֶפֶּעס טוּן, זֵיי זָאלְן זִיךְ אַיינְבֵּייגְן דֶעם קָאפּ אוּן אָפְּלָאזְן דִי פַארְשְׁטִינְקֶענֶע גַּאֲוָה זֵייעֶרֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַנְטְלוֹיף פוּן נִיבּוּל פֶּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ט׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אַז בָּחוּרִים רֶעדְן צוּ דִיר נִיבּוּל פֶּה - זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן זֵיי, נִישְׁט קֵיין חִילוּק אוֹיבּ זֵיי רֶעדְן אָפֶּענֶע נִיבּוּל פֶּה אָדֶער כְּמוֹ נִיבּוּל פֶּה; גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פַאר דַיין לֶעבְּן.

אִיךְ בֶּעט דִיר אוּן אִיךְ וָוארְן דִיךְ, הִיט זִיךְ דַיין לֶעבְּן, הִיט דַיין עָתִיד, רֶעד נִישְׁט אוּן הָאבּ נִישְׁט מִיט מֶענְטְשְׁן וָואס רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה.

פָאלְג דַיין מַגִּיד שִׁיעוּר, הֶער אוֹיס יֶעדֶע וָוארְט וָואס עֶר רֶעדְט - וֶועסְטוּ הָאבְּן גוּטֶע הַקְדָּמוֹת פַאר דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן.

שְׁרַייבּ מִיר דַיינֶע סִיוּמִים וִויפִיל דוּ לֶערְנְסְט - וֶועסְטוּ מִיךְ מְחַיֶּה זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְלוֹירְן אַ נָאנְטֶע חַבֶר׳טֶע וֶועגְן בְּרֶסְלֶב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ט׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... תְּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא**

אַיי, דָאס טוּט וֵויי, אַז אַייעֶר נָאנְטֶע חַבֶר׳טֶע הָאט אַייךְ אָפְּגֶעלָאזְט וַוייל אִיר מַאמֶע זָאגְט אַז זִי טָאר נִישְׁט רֶעדְן מִיט אַייךְ וַוייל אִיר זֶענְט גֶעוָוארְן בְּרֶסְלֶב, דָאס טוּט וֵויי.

דָאס דֶערְמַאנְט מִיךְ פוּן יָארְן צוּרִיק, וֶוען אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ פָארְן אוֹיף אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ גֶעהַאט דִי מַעֲשֶׂה, גָאר נָאנְטֶע מֶענְטְשׁ, נָאךְ נֶענְטֶער וִוי בְּרִידֶער - הָאבְּן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעדְן מִיט מִיר, אוּן דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן אוּן גֶעצִיפְּט אִין הַארְץ, אוּן הַיינְט וֶוען אִיךְ קוּק צוּרִיק, דַאנְק אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן... ״בָּרוּךְ אֱלֹקֵינוּ וְגוֹ׳ וְנָתַן לָנוּ תּוֹרַת

אֱמֶת", אַ נֵס אַז אִיךְ וֵוייס פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פוּן דִי עֵצוֹת, פוּן דִי חִיזוּק, אָנֶעם רֶבִּי'ן וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְגֵיין; דָאס זָאג אִיךְ אַייךְ אוֹיךְ, עֶס לוֹינְט דָאס הִתְקַרְבוּת צוּם רֶבִּי'ן אֲפִילוּ מֶען פַארְלִירְט אַ גוּטֶע חַבֶרְ'טֶע; זוּכְט אוֹיף צְווִישְׁן דִי בֵּית פֵיגָא תַּלְמִידוֹת גוּטֶע חַבֶרְטֶ'עס.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, אוֹיךְ זָאלְט אִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נָאךְ אַ זוּן וָואס טוּט אָן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נֶעכְטְן נַאכְט מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אַ שֵׁיינֶע סְעוּדַּת בַּר מִצְוָה פַאר מַיין זוּן הַבָּחוּר יִצְחָק דָוִד נֵר יָאִיר, דִי סְעוּדָּה אִיז גֶעוֶוען אִין יְשִׁיבָה. סַיי מַיין טַאטֶע, קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב שְׁלִיטָ"א אִיז גֶעוֶוען, סַיי מַיין שְׁוֶוער הָרַב רֶבִּי מָרְדְּכַי אַהֲרֹן מֵייזְלִישׁ שְׁלִיטָ"א אִיז גֶעוֶוען, בֵּיידֶע זֵיידֶעס הָאבְּן גֶערֶעדְט. עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַסַאךְ פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן שְׁטֶעטְל, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ מַטְרִיחַ גֶעוֶוען אוּן גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן אַ לַאנְגֶע וֶועג מִיט צוּ הַאלְטְן דִי שִׂמְחָה, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט.

מָה אָשִׁיב לַשֵּׁם אַז אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אָנְטוּן פַאר נָאךְ אַ זוּן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין, אִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ פַאר דִי מַתָּנָה אַז מִיר הָאבְּן נָאךְ אַ זוּן וָואס טוּט אָן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין; וָואס נָאךְ קֶען מֶען הָאבְּן? וָואס מֶער קֶען אַ טַאטֶע מַאמֶע הָאבְּן? אִיךְ וִוינְטְשׁ עֶס דִיר, דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת, זֶען ווִי דַיינֶע זִין טוּעֶן אָן תְּפִילִין יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט מַסִּיחַ דַּעַת זַיין פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

מֶען טָאר נִישְׁט מַסִּיחַ דַּעַת זַיין פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיט דִי מִצְוֹת וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה אַרַיינְצוּכַאפְּן - אֲפִילוּ פַאר אֵיין רֶגַע, אוּן אֲפִילוּ מֶען זֶעט זִיךְ זֵייעֶר שְׁלֶעכְט אוּן מֶען קֶען נִישְׁט טְרֶעפְן אִין זִיךְ קֵיין אֵיין גוּטֶע זַאךְ - דַארְף מֶען זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם אַז מֶען אִיז אַ אִיד, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען דִינְט נִישְׁט עֲבוֹדָה זָרָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה יג.): "כָּל הַכּוֹפֵר בַּעֲבוֹדָה זָרָה נִקְרָא יְהוּדִי", יֶעדֶער וָואס לֵייקֶנְט אִין דִי עֲבוֹדָה זָרָה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'אִישׁ יְהוּדִי'.

פוּן דִי שִׂמְחָה קֶען מֶען נִישְׁט פַאלְן, וַוייל אֲפִילוּ מֶען זָאל זַיין דֶער עֶרְגְסְטֶער אוּן דֶער וַוייטְסְטֶער מֶענְטְשׁ - קֶען מֶען זִיךְ נָאכְאַלְץ פְרֵייעֶן אַז מֶען אִיז אַ אִיד אוּן נִישְׁט קֵיין גוֹי. אַזוֹי וִוי דִי מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט (הוּבָא בְּסֵפֶר פְּרִי צַדִּיק חַג הַשָּׁבוּעוֹת, אוֹת יג), דֶער הֵיילִיגֶער קְדוֹשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג זָאגְן דִי בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל, אֵיין טָאג הָאט עֶר פַארְפֶעלְט צוּ זָאגְן דִי בְּרָכָה: "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי", אִיז אֵיינֶער צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט: "רֶבִּי, אִיר הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט אַ בְּרָכָה, דִי בְּרָכָה פוּן שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי", הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער קְדוֹשַׁת לֵוִי גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעמַאכְט הַיינְט דִי בְּרָכָה! וֶוען אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן בַּיי מִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן קֵיין שׁוּם זַאךְ מִיט וָואס אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מְחַיֶּה וּמְחַזֵּק זַיין, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'אַ אִיד בִּין אִיךְ דָאךְ, אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין גוֹי', אוּן פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה הָאבּ אִיךְ מִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן, אוּן אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי', מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְחַיֶּה' גֶעוֶוען".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## די קִינְדֶער זָאלְן טַאנְצְן און זיך אוֹיסְגֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט״ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מָרְדְּכַי אִינְדִיג נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין חֵדֶר אַ וָואךְ פַאר פּוּרִים הָאבּ אִיךְ מִיט גֶעהַאלְטְן ווִי אַזוֹי דִי קִינְדֶער טַאנְצְן, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי לוּסְטִיג; אַ שָׁאד אַז מֶען טוּט דָאס נִישְׁט יֶעדְן טָאג. אִין בֵּית פֵּיגָא אִיז דָאס אַ חֵלֶק פוּן דִי לִימוּדִים, דִי קִינְדֶער פוּן אַלֶע כִּיתּוֹת טַאנְצְן יֶעדְן טָאג. עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל דָאס אַיינְפִירְן אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה, דִי קִינְדֶער זָאלְן טַאנְצְן אַפָּאר מִינוּט אֵיידֶער מֶען גֵייט עֶסְן מִיטָאג. עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג אַז עֶס זָאל זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, ווַייל אַז קִינְדֶער טַאנְצְן, זֵיי גֶעבְּן זִיךְ אוֹיס - פַארְשְׁפָּארְט מֶען אַסַאךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען.

אִיךְ ווִיל דִיר נָאכְאַמָאל דֶערְמַאנֶען ווָאס אִיז דִי פְלִיכְט פוּן זַיין אַ מְנַהֵל, אַ מְנַהֵל אִיז דָא פַאר אֵיין זַאךְ, עֶר זָאל מְחַזֵק זַיין דִי מְלַמְדִים, גֶעבְּן גוּטֶע ווֶערְטֶער פַאר דִי מְלַמְדִים, שְׁמֵייכְלֶען צוּ יֶעדְן מְלַמֵד אוּן הֶעלְפְן דִי מְלַמְדִים. מֶען דַארְף נִישְׁט קֵיין מְנַהֵל פַאר טֶעכְנִישֶׁע זַאכְן, אַלֶע זַאכְן ווָאס זֶענֶען טֶעכְנִישׁ - דָאס קֶען טוּן דֶער מֶענֶעדְזְשֶׁער, דֶער סְגַן מְנַהֵל וְכוּ׳, דֶער מְנַהֵל דַארְף מֶען פַאר אֵיין זַאךְ - פַאר דִי נְשָׁמָה, פַאר דִי חַיּוּת; יֶעדֶער מְלַמֵד זָאל שְׁפִּירְן ווִי עֶר הָאט אַ פְלַאץ בַּיים מְנַהֵל אִין הַארְץ אוּן עֶר הָאט אֵיינֶער ווָאס שְׁטַארְקְט אִים, דָאס אִיז סַיי פַאר אַ מְנַהֵל אוּן סַיי פַאר אַ מְנַהֶלֶת.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט שׁוֹין אָנְגְרֵייטְן דִי פְּלֶענֶער פַאר זוּמֶער, רֶעד מִיט הָאבְּרֶךְ יוּדְל נֵרוֹ יָאִיר אוֹיבּ עֶר ווִיל נָאכְאַמָאל זַיין מִיט דִי קִינְדֶער וְכוּ׳, אוּן אוֹיךְ אָנְגְרֵייטְן דִי גַאנְצֶע סְטֶעף פַארְן זוּמֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִיל מֶער נִישְׁט רֶעדְן, וֶועגְן בְּרֶסְלֶב

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ', יְרוּשָׁלַיִם**

דָאס אַז אַייעֶר נִיס ווִיל מֶער נִישְׁט רֶעדְן מִיט אַייךְ, זִי זָאגְט אַז אִיר מַאן לָאזְט אִיר נִישְׁט רֶעדְן מִיט אַייךְ וַוייל אִיר זֶענְט הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, עֶס טוּט אַייךְ וַויי וְכוּ'.

אִיר דַארְפְּט אִיר פַארְשְׁטֵיין, זִי אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג; מֶען רֶעדְט שְׁלֶעכְט, מֶען רֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע; וָואס קֶען מֶען טוּן? אִיךְ הָאבּ דָאס אוֹיךְ גֶעהַאט, מַיין וַוייבּ הָאט גֶעהַאט חַבְרֶ'טֶעס, אוּן פְּלוּצְלוּנְג הָאבְּן זֵיי אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעדְן מִיט אִיר, וַוייל זִי הָאט אַ מַאן וָואס אִיז בְּרֶסְלֶב, דָאס אַלֶעס קוּמְט פוּן לָשׁוֹן הָרָע.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפב): "מֶען קְרִיגְט נִישְׁט אוֹיף מִיר, מֶען הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁנִיצְט אַ מֶענְטְשׁ אוּן אוֹיף אִים קְרִיגְט מֶען, אִיךְ קְרִיג אוֹיךְ אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס טוּט אַזֶעלְכֶע זַאכְן וָואס טוֹיגְן נִישְׁט - קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ".

שְׁטַארְקְט אַייךְ, אוּן פְרֵייט זִיךְ אַז דָאס אִיז אַייעֶר פְּרָאבְּלֶעם, דָאס אִיז אוּנְזֶער פְּלֶעק אַז מִיר קְרִיגְן נִישְׁט אוֹיפְן צַדִּיק, מִיר הָאבְּן לִיבּ דֶעם צַדִּיק אוּן מִיר שְׁטְרֶעבְּן אוּן ווִילְן נִכְלָל וֶוערְן אִינֶעם צַדִּיק, דוּרְכְן זִיךְ מְבַטֵּל זַיין אוּן אָנְנֶעמֶען בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אַלֶעס וָואס עֶר זָאגְט.

זָאגְט תְּהִלִּים, פְּרוּבִּירְט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תפה): "אַ גוּט קַאפִּיטְל תְּהִלִּים אִיז אַזוֹי ווִי פָּאנְטְשׁ"; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אוֹיסְגֶעטְרִיקְנְט אוּן אָפְּגֶעמַאטֶערְט נֶעמְט עֶר אַ טְרוּנְק וָואס פְרִישְׁט אִים אוֹיף, אַזוֹי אִיז אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים, עֶס פְּרִישְׁט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אִים גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְגֶעס דִי עֲבֵירוֹת, פְרֵייא זִיךְ מִיט דִי מִצְוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת יוֹאֵל**

אַזַא שָׁאד אַז דוּ הָאסְט זִיךְ אָפְּגֶעקִילְט פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אוּן יֶעצְט אִיז דַיין גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט אָפְּגֶעקִילְט, אַ שָׁאד דוּ הָאסְט זִיךְ גֶעטְרָאפְן חֲבֵרִים לֵצִים וָואס שְׁפֶּעטְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן צוּ בְּרֶענְגֶען נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; פוּרִים הָאבְּן אַלֶע דַיינֶע חֲבֵרִים צוּ מִיר גֶעוֵויינְט אוֹיף דִיר אַז דוּ הָאסְט זִיךְ אָפְּגֶעקִילְט אוּן אָפְּגֶעלָאזְט דֶעם רֶבִּי'ן.

אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט גֶעפַאלְן אִין דִי טִיפֶע אָפְּגְרוּנְד, דוּ גֶעפִינְסְט זִיךְ אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית רַחֲמָנָא לִצְלַן, פוּן וָואס דוּ הָאסְט אַלְץ עוֹבֵר גֶעוֶוען, זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט פוּן דִי רֶגַע אוֹיפְהֶערְן טְרַאכְטְן פוּן דִי אַלֶע זַאכְן וָואס דוּ הָאסְט עוֹבֵר גֶעוֶוען, אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ אָנְהֵייבְּן מְחַיֶה זַיין מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טוּן; מִיט דַיין צִיצִית, תְּפִילִין, תּוֹרָה, תְּפִלָּה, צְדָקָה, שַׁבָּת וְכוּ' אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם - קֶענְסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז אַלֶע דַיינֶע עֲבֵירוֹת וֶועט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן צוּ זְכוּתִים, אוּן דוּ וֶועסְט אַרוֹיפְגֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, בִּיז דוּ וֶועסְט נִכְלָל וֶוערְן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אָבֶּער וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וֶועט נִישְׁט צוּלָאזְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ אָנְהֵייבְּן פְרֵייעֶן, עֶר וֶועט קוּמֶען צוּ דִיר מִיט אַ פַארְשְׁטֶעלַאכְץ, עֶר וֶועט דִיר זָאגְן: 'טַאקֶע, דוּרְךְ שִׂמְחָה קֶען מֶען אָנְקוּמֶען צוּ גָאר הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת, אָבֶּער דָאס מֵיינְט מֶען נִישְׁט דִיר, וַוייל דוּ בִּיסְט שׁוֹין אַ פַארְטִיגֶער, דִיר הֶעלְפְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט'; זָאלְסְטוּ וִויסְן לִיבֶּער בְּרוּדֶער אַז דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל אוֹיךְ דוּ קֶענְסְט נָאךְ אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע טֻמְאוֹת אוּן וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק; בַּאנַיי זִיךְ, הֵייבּ אָן פוּן דִי רֶגַע זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעטוּן.

לָאז זִיךְ נִישְׁט פַארְנַארְן פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם, וִויסְן זָאלְסְטוּ עֶר הָאט אַפָּאר וֶועגְן וִוי אַזוֹי עֶר קוּמְט צוּם מֶענְטְשׁ, אַמָאל קוּמְט עֶר צוּם מֶענְטְשׁ מִיט אַ

פַארְשְׁטֶעלַאכְטְ, עֶר פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ מִיט מִצְווֹת, עֶר קוּמְט מִיט אַ פְרוּמֶע פָּנִים, כְּאִילוּ עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה צוּ זַיין דֶערְבִּיטֶערְט אוּן צֶעקְלַאפְּט, אוּן אַזוֹי וַוארְפְט עֶר אַרַיין דֶעם אִיד אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, דוּרְךְ עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה; בְּרוּדֶער אַנְטְלוֹיף פוּן דִי מְרִירוּת, הֵייבּ זִיךְ אָן צוּ פְרֵייעֶן מִיט דַיינֶע גוּטֶע זַאכְן – וֶועסְטוּ אַרַיינְגֵיין אִין דִי קְדוּשָּׁה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיךְ הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנַיי

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ הַאלְטְן אִין אֵיין מְחַדֵּשׁ זַיין, אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנַיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן סִימָן ה-ו), אַז בַּיי אִים אִיז שְׁטֶענְדִיג אַזוֹי גֶעוֶוען, עֶר הָאט זִיךְ אַלְץ בַּאנַייט, אוּן אוֹיךְ אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן וֶוען עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט ווִי עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן – הָאט עֶר זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנַיי", כְּאִילוּ עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעטוּן דִי עֲבוֹדָה; "וְכֵן בְּכָל פַּעַם וּפַעַם, תָּמִיד הָיָה רָגִיל לְהַתְחִיל מֵחָדָשׁ", אַזוֹי פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי אַלְץ אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנַיי, "וְהָיָה לוֹ כַּמָּה הַתְחָלוֹת בְּיוֹם אֶחָד", אִין אֵיין טָאג הָאט עֶר אַפָּאר מָאל נָאכְאַמָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ, "שֶׁגַּם בְּיוֹם אֶחָד לִפְעָמִים נָפַל מֵעֲבוֹדָתוֹ וְהָיָה מַתְחִיל מֵחָדָשׁ וְכֵן כַּמָּה פְּעָמִים בְּיוֹם אֶחָד", אֲפִילוּ אִין אֵיין טָאג אַלֵיינְס הָאט עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנַייט; דָאס אִיז דִי אִידִישֶׁע וֶועג, דָאס אִיז דִי וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אוֹיפְזוּכְן דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט דִיר; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אַזוֹיפִיל גוּטְס מִיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אוּן אַנְשְׁטָאט קְרֶעכְצְן אוּן זִיךְ אָפְּרֶעדְן אוֹיף וָואס עֶס פֶּעלְט – דַארְף מֶען עוֹסֵק

זַיין אִין דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל ווִי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – אַלְץ מֶער יְשׁוּעוֹת קוּמְט אוֹיפְן מֶענְטְשׁ. מוֹהֲרַנַ"ת זָאגְט: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אָפּ, זָאגְט מֶען אִין הִימְל: 'קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען גֶעבְּט אִים גוּטְס אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אָפּ, לָאמִיר אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט שְׁלֶעכְט', אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט מֶען אִין הִימְל: 'קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן דַאנְקְבַּאר, לָאמִיר אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט גוּט', אוּן מֶען גֶעבְּט אִים אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ פָּארְנֶעמֶען צוּ בֶּענְטְשְׁן אִינֶעוֵוייניג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת כִּי תִשָּׂא, שַׁבַּת פָּרָה, י"ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז פַארְיָאר בַּיי אַייעֶר גֶעבּוּרְטְס טָאג הָאט אִיר זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען אָנְצוּגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער יֶעדֶע נַאכְט אֵיידֶער אִיר גֵייט שְׁלָאפְן, אוּן זִיךְ אָפְּגִיסְן בַּיים בֶּעט, אוּן נִישְׁט אַרָאפְּטְרֶעטְן פוּן בֶּעט אָן זִיךְ אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער, אוּן אוֹיךְ טוּט אִיר דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אִיר גְרֵייט אָן נֶעגְל וַואסֶער פַאר אַייעֶר טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן פַאר אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער.

אִיר פְרֶעגְט וָואס אִיר זָאלְט זִיךְ פָארְנֶעמֶען דִי יָאר, עֶפֶּעס אַ גוּטֶע קַבָּלָה, לְכָבוֹד אַייעֶר צֶענְטֶע גֶעבּוּרְטְס טָאג; נֶעמְט זִיךְ פָאר צוּ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אִינֶעוֵוייניג אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער אָדֶער אַ סִידוּר. וַוייל דֶער וָואס בֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן וֶוערְט אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע צָרוֹת, וַוייל אִין דִי גַאנְצֶע בֶּענְטְשְׁן אִיז נִישְׁטָא דִי אוֹת 'ף' וָואס וַוייזְט אוֹיף דִינִים, וַוייל דוּרְךְ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן מִיט כַּוָונָה נֶעמְט מֶען אַוֶועק דִי 'אַף' אוּן 'קֶצֶף', מֶען צִיט צוּ זִיךְ רַחֲמִים וַחֲסָדִים (בְּאֵר הֵיטֵב אוֹרַח חַיִּים סִימָן קפה, סְעִיף קָטָן א).

פִירְט זִיךְ אִין בֵּית פֵיגָא מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן זָאגְט פַאר אַייעֶרע חַבֶרְ׳טֶעס אַז אִיךְ בֶּעט זֵיי אַלֶע זָאלְן זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ; נִישְׁט רֶעדְן וֶועגְן אַ טִיטְשֶׁער רֶעדְט, אוּן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאדַאנְקֶען פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.

גֶעבְּט אַ גְרוּס פַאר אַייעֶרע טַייעֶרע עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### הֵייבְּט צוּרִיק אָן הִיטְן שַׁבָּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, שַׁבַּת פָּרָה, י״ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן צוּ לֵיינֶען דִי בְּרִיוו אַז אִיר זֶענְט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַזַא עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה בִּיז אִיר קוּמְט צוּ חִלּוּל שַׁבָּת רַחֲמָנָא לִצְלָן; וַוייל וִויסְן זָאלְט אִיר, אַז מֶען הִיט נִישְׁט קֵיין שַׁבָּת - קֶען מֶען בַּאקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶע שְׁטְרָאף, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט (שְׁמוֹת לא, יד): ״וּשְׁמַרְתֶּם אֶת הַשַּׁבָּת כִּי קוֹדֶשׁ הִיא לָכֶם, מְחַלְלֶיהָ מוֹת יוּמָת״, מֶען רַייסְט זִיךְ אָפּ פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; פַארְוָואס זָאלְט אִיר זַיין אִין אַזַא עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה? פַארְוָואס זָאלְט אִיר נִישְׁט זֶען דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אַייךְ?

קֶערְט אַייךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵייבְּט צוּרִיק אָן הִיטְן שַׁבָּת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיח:), וֶוער עֶס הִיט שַׁבָּת אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת; אוּן בִּזְכוּת וָואס אִיר וֶועט הִיטְן שַׁבָּת וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיטְן אוֹיף אַייךְ אוּן אוֹיף אַייעֶר קִינְד, אוּן אִיר וֶועט נִישְׁט אָנְקוּמֶען אִין גֵיהִנוֹם, וַוייל וֶוער עֶס הִיט שַׁבָּת, בַּיי אִים אִיז פַארְלָאשְׁן דִי פַייעֶר פוּן גֵיהִנוֹם (עַיֵּין זוֹהַר פַּרְשַׁת תְּרוּמָה דַף קנ:; תִּיקוּנֵי זוֹהַר תִּיקוּן כד, סט:).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בַּאצָאל דַיינֶע חוֹבוֹת, אוּן לֶעבּ אַ נָארְמַאלֶע לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, י״ט אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בָּרוּךְ הַשֵּׁם מֶען בַּאקְט שׁוֹין מַצוֹת אִין שְׁטֶעטְל, עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ מַצוֹת וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בַּאקְן מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, מִיט שִׂמְחָה - וִוי אַנְדֶערֶע מַצוֹת; מַצוֹת וָואס דֶער קְנֶעטֶער, דֶער וַואסֶער גִיסֶער, דִי וֶועלְגֶערֶערְס, רֶעדְלֶערְס, שִׁיבֶּער - אַלֶע בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיס קוּמֶען קֵיין חָמֵץ, אַלֶע בֶּעטְן בַּיים בַּאקְן דִי מַצוֹת, אִיז זִיכֶער גָאר אַנְדֶערְשׁ.

יֶעצְט אַז דוּ בַּאקוּמְסְט צוּרִיק דִי שְׁטֵייעֶר פוּן דִי גַאנְצֶע יָאר אוּן בְּנוֹסָף גֶעבְּט דִיר דִי רֶעגִירוּנְג אַ מַתָּנָה עֶטְלִיכֶע טוֹיזְנְט דָאלֶער - זָאלְסְטוּ דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ בַּאצָאלְן דַיינֶע חוֹבוֹת, עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג צוּ זַיין אַ שֵׁיינֶער אִיד, טֵיילְן צְדָקוֹת אוּן זִיךְ קוֹיפְן טַייעֶרֶע כֵּלִים - וֶוען מֶען קוּמְט פַּאר אַ צְוֵויטְן אִיד אֲפִילוּ נָאר אֵיין פְּרוּטָה; בַּאצָאל דַיינֶע חוֹבוֹת אוּן לֶעבּ אַ נָארְמַאלֶע לֶעבְּן.

דִי וָואךְ עֶנְדִיגְן מִיר סֵדֶר שְׁמוֹת, מֶען זֶעט קְלָאר אַז דֶער וָואס לֶערְנְט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיטְן תַּרְגוּם, דֶער וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר טוּט וָואס צַדִיקִים זָאגְן, עֶר אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג - דֶער עֶנְדִיגְט וָואךְ נָאךְ וָואךְ דִי פַּרְשָׁה אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה אִיז (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף א), אוּן דֶער וֶועט קֶענֶען טַאנְצְן שִׂמְחַת תּוֹרָה, עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה; זָאלְסְטוּ נִישְׁט זַיין קֵיין בַּטְלָן, הֵייבּ הַיינְט אָן לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט תַּרְגוּם אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מַאךְ זִיכֶער אַז דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

רֶעד צוּ דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג פַאר זֵייעֶרע מְלַמְּדִים, טִיטְשֶׁערְס אוּן מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים, אוּן פְרֶעג אוֹיס זֵייעֶרע מְלַמְּדִים אוּן מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים - וְוִי אַזוֹי זֵיי פִירְן זִיךְ.

לָאז נִישְׁט דַיינֶע קִינְדֶער הֶפְקֵר, זַיי מְחַנֵךְ דַיינֶע קִינְדֶער, אוּן אַז דוּ הֶערְסְט פוּן דִי מְלַמְּדִים, טִיטְשֶׁערְס, מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ׳דִיג - זָאלְסְטוּ זֵיי מְחַנֵךְ זַיין. נֶעם דִי זַאךְ זֵייעֶר עֶרְנְסְט, וַוייל אַז מֶען לָאזְט נָאךְ דִי דֶרֶךְ אֶרֶץ קֶען מֶען אִינְגַאנְצְן אַוֶועק פַאלְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה א, א), עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי יג, כד): ״חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ שׂוֹנֵא בְנוֹ״, וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער הָאט פַיינְט זַיינֶע קִינְדֶער, ״וְאֹהֲבוֹ שִׁחֲרוֹ מוּסָר״, ווידֶער דֶער וָואס אִיז מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער וַוייזְט דָאס אַז עֶר הָאט לִיבּ זַיינֶע קִינְדֶער; וַוייל אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט מְחַנֵךְ זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן זֵיי חַס וְחָלִילָה אַרָאפְּגֵיין פוּן אִידִישְׁן וֶועג. אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעזֶען יִשְׁמָעֵאל קוּמְט אַהֵיים מִיט אַ גֶעטְשְׁקֶע אוּן שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט עֲבוֹדָה זָרָה׳ס אוּן עֶר הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, עֶר הָאט אִים גֶעשׁוֹינְט, שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר אִים גֶעדַארְפְט פַארְטְרַייבְּן פוּן שְׁטוּבּ, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען מִיט עֵשָׂו, יִצְחָק אָבִינוּ הָאט לִיבּ גֶעהַאט עֵשָׂו אוּן אִים גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, צוּם סוֹף אִיז עֶר אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה; זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לָאזְט זַיינֶע קִינְדֶער הֶפְקֵר, עֶר זָאגְט זֵיי נִישְׁט קֵיין מוּסָר - הָאט מֶען שְׁפֶּעטֶער חֲרָטָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי נִסְיוֹנוֹת, דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְטוּ אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וַוייל עֶר וֵוייסְט סַיי וִוי אַלֶעס, אוּן אֲפִילוּ עֶר וֵוייסְט אַלֶעס דַארְף מֶען אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, אַזוֹי גֵייט עֶס אַרוֹיס פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. דָאס אִיז דָאךְ דִי מִצְוָה פוּן וִידּוּי דְבָרִים, דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן אוּן אִים בֶּעטְן עֶר זָאל מוֹחֵל זַיין; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן, זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, גֵיי אִין אַ לֵיידִיגֶע פְּלַאץ, אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער

וַוייסְט נִישְׁט, אוּן דָארְטְן זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן אוּן אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דַיין נְשָׁמָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ קוּנְץ אִיז אוֹיפְצוּהֵייבְּן אַ אִיד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״א אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶ׳ענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. מוֹהֲרַא״שׁ דֶערְמַאנְט זֵייעֶר אַסַאךְ אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעפְרֶעגְט זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: ״מִיט וָואס הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז מֶען זֶעט בַּיי דִיר אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע מוֹפְתִים?״ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ גֶעזָאגְט: ״בְּרוּדֶער, אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן מַיינֶע תַּלְמִידִים, מֶען הָאט זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן אוּן מֶען רֶעדְט שֵׁיין אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, דָאס אִיז דִי סוֹד פַארְוָואס דָא אִיז דָא מוֹפְתִים״; דָאס דַארְפְן מִיר זִיךְ פָארְנֶעמֶען הַיינְטִיגְן טָאג, דָאס וֶועט אוּנְז בְּרֶענְגֶען אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

זִיכֶער אִין שְׁטוּבּ, אַז מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם, מֶען אִיז נִישְׁט מַקְפִּיד אוֹיף דִי כָּבוֹד, מֶען פַארְקוּקְט אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע כָּבוֹד, מֶען זוּכְט נָאר עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם - קוּמְט אִין שְׁטוּבּ יְשׁוּעוֹת, אוּן אוֹיךְ צְווִישְׁן אוּנְז חֲבֵרִים; אַז מִיר וֶועלְן זוּכְן ווִי מֶען קֶען אַ טוֹבָה טוּן אֵיינֶער פַארְן צְוֵוייטְן, מִיר וֶועלְן רֶעדְן שֵׁיין אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן - וֶועלְן מִיר הָאבְּן יְשׁוּעוֹת.

קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ, אוּן מֵיין נִישְׁט אַז עֶס אַ קוּנְץ זִיךְ אַרָאפְּצוּקְלַאפְּן, אוּן זִיךְ צֶעבְּרֶעכְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט פַארְקֶערְט, בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס הָאט זִיךְ בַּאנִיצְט מִיט קַבָּלָה מַעֲשִׂיוֹת, אָבֶּער מִיר וֵוייסְן אַז דֶער אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ שְׁרַייבְּט מֶען זָאל נִישְׁט עוֹסֵק זַיין אִין דֶעם וַוייל מִיר זֶענֶען טְמֵאֵי מֵתִים, מִיר הָאבְּן

נִישְׁט הַיינְטִיגֶע צַייטְן דִי אֵפֶר פָּרָה אֲדוּמָה, מִמֵּילָא טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאנִיצְן מִיט דֶעם, אוּן אוֹיב מֶען בַּאנִיצְט זִיךְ מִיט דֶעם - לֵייגְט מֶען זִיךְ אַרַיין אִין אַ סַכָּנָה (עַיֵּין בְּסֵפֶר שַׁעֲרֵי קְדוּשָּׁה לְרַבִּי חַיִּים וִיטַאל חֵלֶק ג, שַׁעַר ו), אוּן דֶער אִיד הָאט זִיךְ יָא בַּאנִיצְט מִיט דֶעם, זֶענֶען גֶעקוּמֶען חֲסִידִים וְכוּ׳ אוּן מֶען הָאט אִים גֶעמַאכְט אַ מַשְׁכַּנְתָּא, מֶען הָאט אִים אַרוּם גֶעבִּינְדְן דִי אוֹיגְן אוּן אִים גֶענוּמֶען אוּן צַאמְגֶעשְׁלָאגְן וְכוּ׳, אוּן דֶער אִיד אִיז מַמָּשׁ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע עַצְבוּת, אוּן עֶר אִיז מַמָּשׁ יָצָא מִדַּעְתּוֹ.

דִי מִשְׁפָּחָה הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס צוּ טוּן, זֵיי זֶענֶען אַרוּם גֶעלָאפְן צוּ אַלֶע רַבָּנִים, אָבֶער קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם אִיד פוּן זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה, בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״אַ קוּנְץ אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן אַ אִיד? אַ קוּנְץ אִיז אוֹיפְצוּהֵייבְּן אַ אִיד״, דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן עֶר הָאט צוּרִיק בַּאקוּמֶען אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קֵיינְמָאל זָאלְסְטוּ נִישְׁט בְּלָאזְן אָדֶער אִיגְנָארִירְן דַיין וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי מְחַזֵק דַיין וַוייבּ, הֶער אִיר אוֹיס, זִי פַאלְט פוּן דִי כֹּחוֹת פוּן דִי אַרְבֶּעט מִיט דִי קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער פָאלְגְן אִיר נִישְׁט, זִי הָאט נִישְׁט דִי כֹּחוֹת אָנְצוּגֵיין; זָאלְסְטוּ אִיר אוֹיסְהֶערְן, אוּן שְׁמֵייכְל צוּ אִיר, אוּן שְׁטַארְק אִיר, אוּן לֵייג צוּ אַ הַאנְט מִיט דִי קִינְדֶער; דָאס ווִיל יֶעצְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן דִיר, דָאס אִיז יֶעצְט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

אַז דוּ הָאסְט גָארְנִישְׁט אִין שְׁטוּבּ, דִי שַׁאפֶּעס זֶענֶען לֵיידִיג, אוּן דוּ קוּמְסְט גֶעלְט פַאר מֶענְטְשְׁן, דִי זִינְקְסְט אִין חוֹבוֹת - זָאלְסְטוּ גֵיין אִין אַ

ווינקל, אין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ, דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ תְּשׁוּבָה טוּן, בֶּעט אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר פַארְגֶעבְּן אוֹיף אַלֶעס אוּן זָאג פַאר׳ן בַּאשֶׁעפֶער אַז דוּ הָאסְט אַוֶועק גֶעדְרֵייט דִי שֶׁפַע עֶס זָאל גֵיין צוּ דִי קְלִיפּוֹת מִיטְ׳ן פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית, מִיט הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן יֶעצְט הָאסְטוּ פַארְלוֹירְן דִי שֶׁפַע, בֶּעט: **״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה, אִיךְ הָאבּ בֶּאֱמֶת חֲרָטָה אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט, אִיךְ בֶּעט דִיר גֶעבּ מִיר שֶׁפַע אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן מַיינֶע חוֹבוֹת אוּן קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין מַיין שְׁטוּבּ״.**

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן בַּאלֵיידִיגְט וֶוען דַיין וַוייבּ טוּט נִישְׁט פִּינקְטְלִיךְ אַזוֹי וִוי דוּ ווילְסְט, זַיי אִיר דַן לְכַף זְכוּת, זִי הָאט אוֹיךְ גֶעפִילְן אוּן זִי הָאט אוֹיךְ אַ מֵיינוּנְג, אוּן אַז זִי טוּט נִישְׁט אַזוֹי וִוי דוּ ווילְסְט - אִיז נִישְׁט עֶק וֶועלְט.

קֵיינְמָאל זָאלְסְטוּ נִישְׁט בְּלָאזְן אָדֶער אִיגְנָארִירְן דַיין וַוייבּ, דָאס אִיז דָאךְ דַיין וַוייבּ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן; אַז דוּ בְּלָאזְט אוֹיף אִיר, דוּ אִיגְנָארִירְסְט אִיר - אִיז דָאס כְּפוּיַת טוֹבָה.

גֵיי שׁוֹין אַהֵיים אוּן בֶּעט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אוֹיסְבָּארְגְן שִׂמְחָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דִי וָואךְ שַׁבַּת הַחוֹדֶשׁ - וֶוען מֶען בֶּענְטְשְׁט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן - קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ פּוֹעֶל׳ן יְשׁוּעוֹת אִין אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף. מֶען זָאגְט בַּיים דַאוֶוענֶען (יוֹצְרוֹת פוּן מוּסָף): ״הַחוֹדֶשׁ אֲשֶׁר יְשׁוּעוֹת בּוֹ מַקִּיפוֹת״, צַדִּיקִים טַייטְשְׁן: ׳מַקִּיפוֹת׳ אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן (אָבוֹת ג, ב): ׳הַחֶנְוָנִי מַקִּיף׳, אַ לָשׁוֹן פוּן

בָּארְגְן, מֶען בָּארְגְט אוֹיס אִין דֶעם חוֹדֶשׁ יְשׁוּעוֹת פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם; אֲפִילוּ דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין זְכוּתִים קֶען אוֹיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף בָּארְג אַ יְשׁוּעָה.

אוֹיךְ קֶען מֶען אוֹיסְבָּארְגְן שִׂמְחָה פוּן שְׁפֶּעטֶער, אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט גָארְנִישְׁט, מֶען לִיגְט אִין חוֹבוֹת, מֶען וַוארְט אוֹיף יְשׁוּעוֹת - קֶען מֶען זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיף בָּארְג. אַזוֹי וִוי ר׳ אַהֲרֹן קִיבְּלִיטְשֶׁער וָואס אִיז גֶעוֶוען אַן אָרֶעמַאן; עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁטוּב מִיט פִיר לֵיידִיגֶע וֶוענְט, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט אִין שְׁטוּב, און אַלְץ אִיז עֶר פְרֵיילִיךְ גֶעוֶוען; וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "פוּן וִוי הָאסְטוּ דִי כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, הָאסְט דָאךְ גָארְנִישְׁט?!" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ גְלֵייבּ אַז אֵיין טָאג וֶועט נָאר זַיין גוּט, דֶעמָאלְט וֶועט דִי שִׂמְחָה זַיין בִּשְׁלֵמוּת, בָּארְג אִיךְ אוֹיס שִׂמְחָה פוּן דֶעמָאלְט אוֹיף יֶעצְט".

עַל כֵּן טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר, זַיי פְרֵיילִיךְ, בָּארְג אוֹיס שִׂמְחָה, זוּךְ אוֹיף דִי חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זוּךְ אוֹיף אִין דִי עֶנְגְשַׁאפְט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט דִיר בְּרֵייט און דַאנְק אִים און לוֹיבּ אִים; ווייל וִוי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַלְץ נֶענְטֶער וֶוערְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

פּוּרִים הָאסְטוּ אַזוֹי גֶעוֵוינְט צוּ מִיר אַז דוּ ווילְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט אַז דָאס אִיז דַיין אֱמֶת, ׳נִכְנַס יַיִן יָצָא סוֹד׳ (עֵרוּבִין סה.), וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ טְרִינְקֶען וַויין הֵייבְּט מֶען אָן וֵויינֶען אַז מֶען וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דִי וָואךְ לֵיינְט מֶען פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "אֵצֶל הָעוֹלָם הַשִּׁכְחָה הִיא חִסָּרוֹן גָּדוֹל בְּעֵינֵיהֶם", בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָּרוֹן, "אֲבָל בְּעֵינַי יֵשׁ בְּהַשִּׁכְחָה מַעֲלָה גְּדוֹלָה", אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה, "כִּי אִם לֹא הָיְתָה שִׁכְחָה, לֹא הָיָה אֶפְשָׁר לַעֲשׂוֹת שׁוּם דָּבָר בַּעֲבוֹדַת ה'", וַוייל וֶוען עֶס וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעוֶוען שִׁכְחָה - וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וָואלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, פוּן דִי דוּרְכְּפֶעלֶער אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען אִיז דוּרְךְ, אוּן דָאס וָואלְט גֶעמַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט וֶועלְן נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער יֶעצְט אַז עֶס אִיז דָא שִׁכְחָה, קֶען מֶען זִיךְ בַּאנַייעֶן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנַיי.

קוּק נִישְׁט אוֹיף צוּרִיק, אַז מֶען קוּקְט אוֹיף צוּרִיק וֶוערְט מֶען צֶעדְרִיקְט, קוּק אוֹיף הַיינְט, טְרַאכְט: 'וָואס קֶען אִיךְ הַיינְט טוּן צוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן?' וַוייל אִין דֶעם לִיגְט דִי הַצְלָחָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ערב), אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים צה, ז): "'הַיּוֹם אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ', "זֶה כְּלָל גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, שֶׁלֹּא יָשִׂים לְנֶגֶד עֵינָיו כִּי אִם אוֹתוֹ הַיּוֹם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל אָנְהֵייבְּן עֶפֶּעס צוּ טוּן - סַיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת - דַארְף עֶר גֶעדֶענְקֶען דֶעם כְּלָל: צוּ קוּקְן נָאר אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג; וַוייל וֶוען מֶען ווִיל אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַאכְט זִיךְ פַארְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר נֶעמְט אוֹיף זִיךְ אַ שְׁוֶוערֶע לַאסְט, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ טְרַאכְטְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט נֶעמֶען דִי עֲבוֹדָה, אָבֶּער אַז מֶען טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג - אִיז עֶס בִּכְלַל נִישְׁט שְׁוֶוער; מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי: "הַיּוֹם אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ", 'הַיּוֹם' דַיְקָא, וְהָבֵן, עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פוּנְדָאסְנַיי לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דִי וָואךְ לֵיינְט מֶען פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ, זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, ווייל צַדִיקִים זָאגְן אַז פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ אִיז אַ גוּטֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן אוּן זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוּן נִישְׁט זַיין אַלְט; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֵין טוֹב לִהְיוֹת זָקֵן", עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זַיין אַלְט, "הֵן חָסִיד זָקֵן, הֵן צַדִיק זָקֵן", סַיי אַן אַלְטֶער חָסִיד, אוּן סַיי אַן אַלְטֶער צַדִיק - אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זַיין; מֶען דַארְף זִיךְ בַּאנַייעֶן יֶעדְן טָאג אָנְצוּהֵייבְּן פוּנְדָאסְנַיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנַיי לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי שְׁלֹמֹה מִ׳זְוֶועהִיל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט: "אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט נִישְׁט אַ בְּלַאט גְמָרָא, יֶענֶעם טָאג הָאט עֶר אַ פָּנִים וִוי אַ הוּנְט, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ", אוּן אַמָאל הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן צוּם גַבְּאַי עֶר זָאל שְׁנֶעל קוּמֶען ווייל אַ הוּנְט אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטוּבּ, אוּן וֶוען דֶער גַבְּאַי הָאט גֶעפְרֶעגְט: "ווּאוּ אִיז דִי הוּנְט?" הָאט עֶר גֶעווִיזְן: "דֶער מֶענְטְשׁ זֶעט אוֹיס וִוי אַ הוּנְט", הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאנַייעֶן אוּן אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען גְמָרָא, מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען אִין אַ סֵדֶר אַ בְּלַאט גְמָרָא נָאךְ אַ בְּלַאט, אוּן אַז דוּ קוּמְסְט אָן צוּ אַ שְׁטִיקְל גְמָרָא וָואס דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן, נָאר לֶערְנְ ווייטֶער אִין אַ סֵדֶר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ בִּין גֶעבּוּנְדְן אִין תְּפִיסָה בַּיי דִי טוּמְאָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרַט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דֶעם שַׁבָּת בֶּענְטְשְׁט מֶען חוֹדֶשׁ נִיסָן, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה יא.): "בְּנִיסָן נִגְאֲלוּ", אִין נִיסָן זֶענֶען אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן פוּן מִצְרַיִם, "בְּנִיסָן עֲתִידִין לִיגָּאֵל", אוּן אִין חוֹדֶשׁ נִיסָן וֶועלְן מִיר אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן; דָאס מֵיינְט מֶען דִי גְרוֹיסֶע גְּאוּלָה וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אוּנְז אַלֶע אוֹיסְלֵייזְן, אוּן אוֹיךְ מֵיינְט דָאס דִי גְּאוּלָה פְּרָטִית; יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן זַיינֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת, וַוייל אִין חוֹדֶשׁ נִיסָן קוּמְט אַרָאפּ אַ הֵיילִיגְקֵייט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם.

ווִי אַזוֹי וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת? דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, דוּרְךְ זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כה): "הִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל", דָאס שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, עֶס אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ טוּן דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, גֵיי אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, שְׁמוּעֶס אוֹיס דַיין הַארְץ, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ ווִיל נִישְׁט טוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ ווִי אִיךְ בִּין גֶעבִּינְדְן אִין תְּפִיסָה בַּיי דִי טוּמְאָה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן מַיינֶע תַּאֲווֹת רָעוֹת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל דִיךְ דִינֶען, אִיךְ זָאל נָאר טוּן דַיין ווִילְן**"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן לֵייג צוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת; וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין אֵייגֶענֶע גָלוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לָאז דִיךְ נִישְׁט נַארְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"ג אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ו), דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אֵיינֶער וָואס לוֹיפְט אַרוּם מִיט אַ פַארְמַאכְטֶע הַאנְט, עֶר לוֹיפְט צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר הָאט אִין הַאנְט, יֶעדֶער מֵיינְט אַז עֶר הָאט עֶפֶּעס וָואס עֶס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר אִים, אוּן אַלֶע לוֹיפְן אִים נָאךְ, צוּם סוֹף עֶפְנְט עֶר אוֹיף זַיין הַאנְט, אוּן מֶען זֶעט אַז עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אִין הַאנְט; אַזוֹי פָּאפְּט עֶר אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם, מֶען לוֹיפְט אִים נָאךְ אַ גַאנְץ לֶעבְּן, בִּיז וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט קוּקְט מֶען זִיךְ אָן, אוּן מֶען זֶעט אַז מֶען הָאט לֵיידִיגֶע הֶענְט, אוּן מוֹהֲרַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט אַז דֶער שִׂיחָה גֵייט בְּעִיקָר אַרוֹיף אוֹיף זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן מִיט נָאכְלוֹיפְן אַ מַנְהִיג, וַוייל מֶען קֶען אַמָאל נָאכְלוֹיפְן אֵיינֶעם אַ גַאנְץ לֶעבְּן, אוּן בַּיים סוֹף עֶפְנְט מֶען אוֹיף דִי הַאנְט אוּן מֶען דֶערְזֶעט זִיךְ מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט.

וִוי אַזוֹי וֵוייסְט מֶען אוֹיבּ מֶען נַארְט זִיךְ אָדֶער נִישְׁט? מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג זִיךְ בּוֹדֵק זַיין אוּן זִיךְ פְרֶעגְן: 'וָואס הָאבּ אִיךְ אִין מַיינֶע הֶענְט?' מֶען דַארְף זִיךְ אַלְץ בּוֹדֵק זַיין אוֹיבּ מֶען וֶוערְט נִישְׁט אָפְּגֶענַארְט; אָן תּוֹרָה, אָן תְּפִלָּה - אִיז אַלֶעס גֶעפָּאפְּט, אַלֶעס אָפְּגֶענַארְט.

דֶערִיבֶּער וִויל אִיךְ דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן לָאז דִיךְ נִישְׁט נַארְן, כַאפּ אַרַיין יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגּוּם, טֵייל עֶס אַיין לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אַזוֹי וֶוען עֶס קוּמְט סוֹף וָואךְ וֶועסְטוּ הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט דִי פַּרְשָׁה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): "לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר, מַאֲרִיכִים לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו", דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר אֲרִיכוּת יָמִים, אוּן דָאס רַאטֶעוֶועט אַ מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דִי וָואךְ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי עֶנְדִיגְן מִיר סֵדֶר שְׁמוֹ"ת; וואוּ בִּיסְטוּ? וִוי הַאלְטְסְטוּ אוֹיף דֶער וֶועלְט? וָואלְסְטוּ גֶעפָאלְגְט וָואס מוֹהֲרַ"שׁ הָאט אוּנְז

גֶעזָאגְט צוּ טוּן - וָואלְסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן סֵדֶר שְׁמוֹ"ת; בְּרוּדֶער וֶועק זִיךְ אוֹיף, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, "שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם", דִי וֶועלְט זָאל אַייךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן, "כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד", וַוייל דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן. הֵייבּ יֶעצְט אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן לֶערְן תּוֹרָה, מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אִין אַלֶע חֲלָקִים פוּן דִי תּוֹרָה; מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיּוֹת, גְּמָרָא, שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוּן אִין דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.

אִין דִי תּוֹרָה לִיגְט אַלֶע סְגוּלוֹת; אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען תּוֹרָה - וֶועסְטוּ נִישְׁט פַארְגַאפְּט וֶוערְן פַאר יֶעדֶע נַייעֶ זַאךְ. יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט קוּמְט אַ נַייעֶ טִפְּשׁוּת וָואס בְּלָאזְט, אוּן מֶענְטְשְׁן פַאלְן פַאר דֶעם, מֶענְטְשְׁן לָאזְן זִיךְ נַארְן; אִיךְ בֶּעט דִיר, גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג מֶען זָאל דִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן מִיט סְגוּלוֹת וְכוּ' וְכוּ', 'אֵין סְגוּלָה כַּתּוֹרָה', נִישְׁטָא נָאךְ אַ סְגוּלָה וִוי דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מֶענְטְשְׁן וֶוערְן זֵייעֶר פַארְגַאפְּט פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס זָאגְן עֲתִידוֹת, נְשָׁמוֹת, תִּיקוּנִים, נַאטוּרְן וְכוּ' וְכוּ'; אַלֶעס אִיז נַארִישְׁקֵייטְן, נָאר תּוֹרָה אִיז אֱמֶת, נָאר תְּפִלָּה אִיז אֱמֶת, נָאר דִי סְגוּלוֹת פוּנֶעם צַדִּיק וָואס בְּרֶענְגְט דִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ קִיּוּם הַתּוֹרָה - אִיז אֱמֶת.

הַיינְט וֶועט זַיין אַ שִׁיעוּר, קוּם צוּם שִׁיעוּר, בַּאנַיי זִיךְ, עֶס קוּמְט שַׁבָּת הַחוֹדֶשׁ, עֶס קוּמְט דֶעם רֶבִּינְ'ס יוֹם הוּלֶדֶת (רֹאשׁ חֹדֶשׁ נִיסָן), עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ נִיסָן, דִי חוֹדֶשׁ פוּן דִי גְּאוּלָה, אַ צַייט וָואס מֶען קֶען וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט - יֶעדֶער פוּן זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וָואס הָאט מֶען פוּן אַ שִׁידוּךְ אָן שָׁלוֹם בַּיִת?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"ג אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אוּנְזֶער מִנְהָג אִיז צוּ לֵיינֶען מִיט אַ סֵפֶר תּוֹרָה נָאךְ שַׁחֲרִית - אִין דִי

עֶרְשְׁטֶע צְוֶועלְף טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ נִיסָן - דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי נְשִׂיאִים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת חִתּוּן חֵלֶק ב, סִימָן ו), עֶס אִיז מְסוּגָל אוֹיף אַ שִׁידוּךְ; דָאס מֵיינְט מֶען אוֹיךְ אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, אַ שִׁידוּךְ אִיז שָׁלוֹם בַּיִת, ווייל וָואס הָאט מֶען פוּן אַ שִׁידוּךְ אָן שָׁלוֹם בַּיִת?

בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ יְסוֹד אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם צוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר אָנְגֶעזָאגְט מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, אִיר הַאלְטְן טַייעֶר (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד).

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי מֵאִיר'ל פְּרִימִישְׁלַאנֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר ז, יד): "כַּף אַחַת", אֵיין בֵּייג - "עֲשָׂרָה זָהָב", בְּרֶענְגְט עֲשִׁירוּת, דָאס אִיז וָואס אִיז ווִיכְטִיג בַּיי אַ שִׁידוּךְ אוּן בַּיי שָׁלוֹם בַּיִת, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סג.): "נְחֵית דַּרְגָּא נְסֵיב אִיתְּתָא", בֵּייג אַיין דַיין קָאפּ אוּן הָאבּ חֲתוּנָה; נָאר אַז מֶען בֵּייגְט אַיין דֶעם קָאפּ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען גֶעדֶענְקְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; מַיין שִׁידוּךְ, מַיין מִשְׁפָּחָה, מַיין לֶעבְּן - אַלֶעס אַלֶעס אִיז נִישְׁט קֵיין מִקְרֶה, נִישְׁטָא קֵיין פֶּערְצוּפַאל, נָאר אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ 'עֲשָׂרָה זָהָב', צוּקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע דַּרְגָּא, דִי צֶענְטֶע דַּרְגָּא.

מַאךְ אַ פְרִישֶׁע הַתְחָלָה פוּן דֶעם שַׁבַּת הַחוֹדֶשׁ צוּ רֶעדְן שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ; אֲפִילוּ מֶען רֶעדְט נִישְׁט שֵׁיין צוּ דִיר, זָאלְסְטוּ וַוייטֶער רֶעדְן שֵׁיין. אַז מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ מִיט דִי כַּוָונָה, ווייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן - דֶעמָאלְט אִיז גוּט, אוּן אֲפִילוּ דִי וַוייבּ פַארְלִירְט זִיךְ אוּן זִידְלְט אָן - אִיז מֶען ווייטֶער מְכַבֵּד, מֶען רֶעדְט וַוייטֶער שֵׁיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֶעוֶוען קַאלְט אוּן טְרוּקְן, יֶעצְט קֶענֶען מִיר זִיךְ בַּאנַייעֶן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"ג אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט דִיךְ צוּ זֶען פּוּרִים, אִיךְ ווִיל הָאבְּן מֶער קֶשֶׁר מִיט דִיר, הַלְוַאי קוּמְסְטוּ אַרוּיף מֶער אִין יְשִׁיבָה.

דִי וָואךְ אִיז שַׁבָּת הַחוֹדֶשׁ, מֶען בֶּענְטְשְׁט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, מֶען גֵייט אַרַיין אִין דִי זוּמֶער חֳדָשִׁים; נָאךְ אַ לַאנְגֶע קַאלְטֶע ווִינְטֶער וָואס אַלֶע בֵּיימֶער זֶענֶען גֶעוֶוען טְרוּקְן - הֵייבְּט זִיךְ יֶעצְט אָן אַ נַייעֶ צַייט, עֶס הֵייבְּט אָן וַואקְסְן פֵּירוֹת, עֶס קוּמֶען אַרוֹיס דִי בְּלֶעטְלֶעךְ; דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז אֲפִילוּ דוּרְכְאוֹיס אַזַא לַאנְגֶע צַייט זֶענֶען מִיר גֶעוֶוען קַאלְט אוּן טְרוּקְן - קֶענֶען מִיר יֶעצְט זִיךְ בַּאנַייעֶן אוּן צוּרִיק אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט חַיּוּת אוּן שִׂמְחָה.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הֵייבּ אָן דַיין טָאג מִיט גֵיין אִין שׁוּל, טוּ נִישְׁט גָארְנִישְׁט אֵיידֶער דוּ גֵייסְט אִין שׁוּל. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לא), עֶס אִיז רִיכְטִיג מֶען זָאל גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי דַאוֶונֶען, ווייל דַאוֶונֶען אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אוּן טַייעֶר, אוּן אוֹיבּ מֶען שְׁטוּפְּט דָאס אָפּ, קֶען זַיין מֶען וֶועט פַארְפַּאסְן דָאס דַאוֶונֶען, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען דַאוֶונֶען וָואס פְּרִיעֶר.

זַיי זִיךְ מְקַבֵּל צוּ דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן; אַז מֶען דַאוֶונְט מִיט מִנְיָן אִיז מֶען מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ דִי הַשְׁגָּחָה עֶלְיוֹנָה. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:): "כָּל הָרָגִיל לָבֹא לְבֵית הַכְּנֶסֶת וְלֹא בָּא יוֹם אֶחָד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְשָׁאֵיל בּוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאוֶונְט יֶעדְן טָאג מִיט מִנְיָן אוּן אֵיין טָאג פַארְפֶעלְט עֶר צוּ קוּמֶען אִין שׁוּל, פְרֶעגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, פַארְוָואס אִיז עֶר נִישְׁט גֶעקוּמֶען אִין שׁוּל? אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִים עֶר זָאל ווַייטֶער קֶענֶען קוּמֶען, עֶר נֶעמְט אַוֶועק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זַיין פְּרָאבְּלֶעם.

גֵיי מִיט צִיצִית אוּן טוּ אָן תְּפִילִין, אוּן דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְנָחוֹת מג:): "כָּל שֶׁיֵּשׁ לוֹ תְּפִילִין בְּרֹאשׁוֹ וּתְפִילִין בִּזְרוֹעוֹ וְצִיצִית בְּבִגְדוֹ וּמְזוּזָה בְּפִתְחוֹ, הַכֹּל בְּחִיזּוּק

שֶׁלֹּא יֶחֱטָא", וֶוער עֶס טוּט אָן תְּפִילִין אוּן גֵייט מִיט צִיצִית אוּן הָאט אַ מְזוּזָה אִין שְׁטוּבּ – וֶועט זִיכֶער נִישְׁט זִינְדִיגְן; וַוייל אַז מֶען פְרֵייט זִיךְ אַז מֶען הָאט דִי זְכִיָּה צוּ טוּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְווֹת – בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁמִירָה עֶלְיוֹנָה, מֶען וֶוערְט אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ פְּרוּבִּיר אַזוֹיפִיל צוּ מַאכְן פַאר דִיר אַ שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"ג אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בָּארָא פַּארְק**

פּוּרִים וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען שִׁיכּוֹר הָאסְטוּ גֶעוֵויינְט צוּ מִיר, אוֹיךְ הָאסְטוּ מִיךְ אַבִּיסְל וֵויי גֶעטוּן, וַוייל דוּ הָאסְט מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין שִׁידוּךְ; הָאסְט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר אַז פּוּנְקְט וִוי דִי פַארְיֶערִיגֶע שְׁנֵיי אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר אַזוֹי אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר דָאס אַז דוּ וֶוערְסְט עֶלְטֶער אוּן עֶלְטֶער.

אִיךְ ווִיל דִיר זָאגְן אַז אִיךְ בִּין זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן גֶעוָוארְן פוּן דִיר; וִוי קֶען אַ תַּלְמִיד זָאגְן פַאר אַ רֶבִּי אַזֶעלְכֶע וֶוערטֶער, דוּ לֶערְנְסְט שׁוֹין בַּיי מִיר אִיבֶּער צֶען יָאר אוּן אִיךְ גֶעבּ זִיךְ אָפּ מִיט דִיר, אִיךְ פְּרוּבִּיר אַזוֹיפִיל צוּ מַאכְן פַאר דִיר אַ שִׁידוּךְ, וִוי קֶענְסְטוּ זָאגְן אַזוֹי? בִּכְלַל אִיז מִיר אַ ווּאוּנְדֶער דִי וֶועג וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ רֶבִּי וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן בְּרֶענְגְט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ מֶען טְרִינְקְט וַויין; אַדְרַבָּה, 'נִכְנַס יַיִן יָצָא סוֹד' (עֵרוּבִין סה.), עֶס דַארְף אַרוֹיסְקוּמֶען אַ לִיבְשַׁאפְט, עֶס דַארְף אַרוֹיסְקוּמֶען דֶעם אֱמֶת.

דֶעם שַׁבָּת בֶּענְטְשְׁן מִיר חוֹדֶשׁ נִיסָן, דֶער מִנְהָג בַּיי אוּנְז אִיז צוּ לֵיינֶען אִין דִי עֶרְשְׁטֶע צְוֶועלְף טֶעג דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי נְשִׂיאִים (פַּרְשַׁת נָשֹׂא, פוּן חֲמִישִׁי בִּיז סוֹף פַּרְשָׁה), עֶס אִיז מְסוּגָל פַאר אַסַאךְ זַאכְן, בִּפְרַט פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס דַארְפְן אַ שִׁידוּךְ. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת חִתּוּן חֵלֶק ב, סִימָן ו): "מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִווּגוֹ, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת

הַנְּשִׂיאִים״, וֶועם עֶס גֵייט שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ זָאל זָאגְן דִי ״קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים״; אִיז זִיכֶער אִין דִי טֶעג וָואס מֶען לֵיינְט דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים - אִיז זֵייעֶר מְסוּגָל צוּ פּוֹעֵל׳ן אַ שִׁידוּךְ. זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי נְשִׂיאִים, אוּן וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט זָאגְן דִי פַּרְשָׁה זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אוּן דִיר גֶעבְּן דַיין שִׁידוּךְ.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער הָאבּ נִישְׁט קֵיין תַּרְעוֹמוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט נָאכְנִישְׁט דַיין שִׁידוּךְ, זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רַחְמָנוּת עֶר זָאל דִיר בְּרֶענְגֶען דַיין שִׁידוּךְ, רֶעד זִיךְ נִישְׁט אַיין אַז אֵיינֶער קֶען דִיר הֶעלְפְן מִיט אַ שִׁידוּךְ, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיךְ הֶעלְפְן אוּן נָאר עֶר מַאכְט שִׁידוּכִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ג): ״מָּצִינוּ בַּתּוֹרָה בַּנְּבִיאִים וּבַכְּתוּבִים שֶׁאֵין זִווּגוֹ שֶׁל אִישׁ אֶלָּא מִן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא״, מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי תּוֹרָה, אִין נְבִיאִים אוּן אִין כְּתוּבִים אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...